בס"ד

# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פי פנחס
תשפ"א לפ"ק
גליון קע"ו

## פראגע

### וואס קומט אונז שבעה עשר בתמוז צו לערנען?

## ענטפער:

שבעה עשר בתמוז קומט צו לערנען עטליכע זאכן. איינס פון די זאכן איז אז מיר דארפן צוריקקוקן **על כל מחמדינו שהיה לנו בימי קדם**, אויף אלע וואונדערליכע זאכן וואס מיר האבן אמאל געהאט, אבער מיר האבן עס נישט גענוג געשעצט דעמאלטס.

דאס איז אן אלוועלטליכע געפיל אין די מענטשהייט. מען שעצט נישט גענוג די זאכן וואס מען האט. איך בין זיכער זיי האבן עס יא געשעצט צו א גרויסע מאס, אבער די שיינקייט פון כלל ישראל וואס האבן געוואוינט אינאיינעם אין ארץ ישראל, איז געווען עפעס וואס איז אומפארגלייכבאר אין אונזער היסטאריע.

שטעלט אייך פאר דעם **בית ראשון** – קיין איין איד האט נישט געוואוינט אינדרויסן פון ארץ ישראל. און זיי זענען געווען אזוי שטאלץ מיט זייער חשיבות. אודאי זענען געווען מענטשן דא-און-דארט וואס זענען נאכגעצויגן געווארן צו די טפשות פון די גוים וואס האבן ארומגענומען ארץ ישראל, אבער דער גרעסטער רוב פון אידן זענען געווען געטריי צו די תורה. אפילו די עובדי עבודה זרה זענען געווען פרומע אידן. אפילו אחאב וואס איז געווען אן עכטער עובד עבודה זרה איז געווען א פרומער איד. ער האט געהאט א כשר'ע קאך און ווען דער נביא האט אים גע'מוסר'ט האט ער אנגעטון א זאק און אש און ער האט געפאסט.

אין יענע צייטן האבן מיר געהאט אויסטערלישע מתנות וואס מיר האבן נישט גענוג געשעצט, און צווישן די מטרות פון די וואכן וואס מיר גייען יעצט אריין אנגעהויבן פון שבעה עשר בתמוז איז צוריקצוקוקן און פארשטיין וואס מיר האבן אמאל געהאט.

עס מאכט אונז טאקע זייער טרויעריג אז מיר האבן עס שוין נישט היינט, אבער ס'איז וויכטיג צו פארשטיין אז מיר זענען נאך אלץ שולדיג אן הכרת הטוב צו השי"ת פאר דעם וואס ער האט אונז אמאל געגעבן. אמאליגע צייטן האבן מיר געהאט א קעניגרייך, מיר האבן געהאט אידישע פאליציי, שופטים ושוטרים – אפילו א פאליציאנט איז געווען א צדיק גמור! די פאליציי האבן געטראגן ציצית און האבן אינפארסירט די הלכות פון די תורה. וועגן דעם האט מען אים גערופן א "שוטר", ווייל ער האט געהאט א בייטש אין זיין האנט. אמאליגע צייטן אויב איינער האט געטון א קליינע חילול שבת האט מען אים געהארגעט.

עס איז קיינמאל נישט געווען אזא פאלק וואס איז געווען אזוי געטריי מיט שמחה, צו היטן די תורה און דינען דעם באשעפער.

אבער נאך אסאך יארן זיין צוזאמען אין ארץ ישראל, האבן זיי אנגעהויבן צו טראכטן אז אפשר אינדרויסן איז אויך דא עפעס גוט. מיר כאפן נישט די גרויסע דיפערענץ צווישן אידן און גוים און אידן האבן אנגעהויבן צו טראכטן אז אפשר איז דא עפעס בעסערס אינדרויסן. דאס איז די סיבה פארוואס ס'שטייט "ולא תתורו"! קוק נישט, שפיאניר נישט וואס טוט זיך ביי די אנדערע פעלקער, און טראכט נישט אז אפשר איז דארט אויך דא עפעס.

דאס איז געשען אין אייראפע אויך ווען אידן האבן אנגעהויבן טראכטן, אפשר אין דייטשלאנד איז בעסער צו וואוינען. די דייטשן זענען געווען ציוויליזירט. מען האט נישט געקענט נאכשרייען א איד אויף די גאסן פון דייטשלאנד. אין עסטרייך האט מען געקענט באוואשן א איד אויפ'ן גאס. איר ווייסט אז זיגמאנד פרויד דערציילט א מעשה וועגן זיין טאטע. זיין טאטע איז געגאנגען אויפ'ן גאס און געקויפט א נייעם הוט, א נייע הוט פון פעל. א גוי איז אים דורכגעגאנגען און עס אראפגעווארפן פון זיין קאפ. ער האט געזאגט "איד, גיי אראפ פון די סיידוואלק." אבער אין דייטשלאנד זענען זיי געווען העפליך. איך בין געווען אין דייטשלאנד פאר איין טאג – זיי זענען געווען זייער העפליך דעמאלטס. און די אידן האבן געזאגט "אה! דאס איז קולטור! דאס איז וויסנשאפט!" און זייער אסאך אידן זענען פארלוירן געגאנגען אין דייטשלאנד.

וועגן דעם האט דער אויבערשטער געזאגט, "איך גיי ענק ווייזן ווער דייטשלאנד איז." דאס איז די סיבה פארוואס די

גרעסטע נידריגקייט וואס די וועלט האט נאר אמאל געזען איז ארויסגעקומען פון דייטשלאנד; כדי צו לערנען א לימוד וואס די תוצאות זענען פון ארויסקוקן פון כלל ישראל.

אבער אין די אלטע צייטן ווען זיי האבן אלע געוואוינט אינעווייניג אין זייער אייגענע מחיצה האבן זיי נישט געקענט פארשטיין וואס די דרויסנדיגע וועלט איז, און וועגן דעם האבן זיי נישט געקענט פולקאם שעצן די אויסטערלישע טובות וואס דער אויבערשטער האט זיי געשאנקען, די מחמדינו שהיה לנו מימי קדם. און דערפאר איז דאס איינס פון די מטרות פון פאסטן – מיר דערמאנען זיך וואס מיר האבן געהאט, און מיר האבן חרטה פארוואס מיר האבן פארפעלט צו פארשטיין ווי גליקליך מיר דארפן זיין. מיר האבן עס נישט געווג אנערקענט.

נאך א מטרה איז אודאי, צו טראכטן וואס מיר קענען טון צוריקצוברענגען יענע אלטע טעג. יעצט, איין מענטש אליינס קען עס נישט צוריקברענגען, אבער יעדער איינער דארף פרובירן ארייננצוליגן זיינע כוחות. די תענית ציבור איז דעריבער פאר'ן צוועק פון טון לכה"פ איין קליינע שריט אין די ריכטיגע דירעקציע. דאס איז איינס פון די סיבות פארוואס מיר פאסטן. ס'איז נישט סתם זיך צו פייניגן, נישט צו עסן. אודאי איז די מצוה צו פאסטן, אבער איינס פון די סיבות פון תענית איז פאר'ן צוועק זיך צו דערמאנענען צו מאכן איין טריט אין די ריכטיגע דירעקציע. כאטש איין זאך דארף מען טון אלס א רעזולטאט פון א תענית ציבור. מען גייט דורך די גאנצע טאג און מען טוישט זיך גארנישט? נישט די קלענסטע טויש?!

אלזא, פאר יעצט האבן מיר זיך קאנצענטרירט אויף צוויי נקודות פון די תענית. איינס איז צוריקצוקוקן און זען וואס מיר האבן אמאל געהאט און פארלוירן; מיר אנערקענען וואס אונזערע אור-עלטערן האבן געהאט, די ארץ חמדה טובה ורחבה. זיי האבן געלעבט צווישן אידן און זיי האבן געלעבט על פי התורה – דאס איז געווען זייער "קאנסטיטוציע" להבדיל; זיי האבן נישט געהאט קיין אנדערע געזעצן חוץ די געזעצן פון די תורה. וואספארא שמחה איז דאס!

און נאך א צוועק פונעם תענית איז צו זען וואס מיר קענען טון צו מקרב זיין די גאולה; וואס מיר קענען ווערן אביסל בעסער – כאטש איין קליינע טריט אין די ריכטיגע דירעקציע. (E-113#)

## ענטפער:

כהנים זענען לאו דוקא געבויגט; זיי האבן א קוואליטעט פון ענטוזיאזם אין זיי. יעצט אודאי גיי איך זיין איינזייטיג, ווייל איך בין א כהן... אבער איך מיין יעדער פארשטייט אז ווען פנחס אין זיין צארן איז אויפגעשטאנען און דערשטאכן זמרי, האט ער געדינט דעם אויבערשטן מיט זיין צארן. אויב וואלט ער נישט געהאט די כעס וואלט ער נישט געהאט די שטארקייט עס צו טון. זמרי איז געווען א פרינץ, און ווען די זקני ישראל האבן געזען וואס ער טוט זענען זיי געווען שאקירט, זיי האבן נישט געוואוסט וואס צו טון.

דאס איז געווען מן השמים; דער אויבערשטער האט געוואלט איבערלאזן א פלאץ פאר פנחס צו ווערן גרויס. פנחס איז מאטיווירט געווארן דורך זיין צארן, דאס ווייסן מיר, און דאס איז א ריכטיגע גלעגנהייט אויסצונוצן די מדה צו טון גרויסע זאכן. פנחס האט מיט זיין צארן גענומען א שווערד און אריינגעשפאנט אין די געצעלט פון זמרי, און אים דערשטאכן צוזאמען מיט די גוי'אישע פרוי. וועגן דעם האט דער אויבערשטער געזאגט, איך שיק מיינע גריסן צו אים. "הנני נותן לו את בריתי שלום", ווייל ער האט זיך אנגענומען פאר מיין כבוד אין דעם טאג.

דאס איז א געלעגנהייט צו נוצן כעס.

אודאי דארף מען זיין זייער געווארנט וויאזוי מען נוצט עס. עס איז אזוי ווי דיינעמייט. אויב מען דארף אויפרייסן א שטיין דערמיט כדי צו קענען בויען א שאסיי, יא! אבער קיינער וואלט נישט גענוצט אויפרייס-שטאף אויב ער קען נישט אריינקומען אין זיין הויז ביינאכט, ווייל ער האט פארלוירן די שליסל...

**פראגע**

**כהנים זענען באקאנט צו זיין כעסנים. מיינט דאס אז זיי זענען געבויגטע מענטשן, און צי איז דאס א חסרון אין זיי?**

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב